# אונזער רעכט

ביולעטין פון קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם

מאָנטעווידעאָ — יולי 1936 — נומער 1


## אונזער אָרגאַן

מיט דער היינטיקער אויסגאַבע טרעט צו דער קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזים און נאַציזם צו פאַרווירקלעכן איינע פון זיינע פּילצאָליקע אויפגאַבעס: אַרויסלאָזן אַ פּעריאָדישן ביולעטין אַף יידיש, וואָס זאָל אינפאָרמירן די מיטגלידערשאַפט און דער ברייטער עפנטלעכקייט וועגן גאַנג פון אונזער אַרבעט און דרוך וועלכן מיר זאָלן קומען אין קאָנטאַקט מיט אַלע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט.

דער קאָמיטעט גיט שוין אַרויס אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע: דאָס איז די "טריבונאַ", וואָס גייט אַרויס אין דער לאַנדעס שפּראַך און דערשיינט שוין מער אָדער וויניקער רעגלמעסיק אַ לענגערע צייט. די "טריבונע" דאָס איז אַ וואָגיקער און ערנסטער כוידעש - זשורנאַל, וואָס איז דער שטאָלצער און ווירדיקער טרעגער פון אונזער וואָרט. דורך זי'נע אָריגינעלע מיטאַרבעטונגען און דורך זיינע אַרטיקלען פון דער וועלט - פּרעסע, וואָס דערשיינען אונטער דער כסימע פון מענטשן מיט וועלט - נעמען ברענגט ער צו די היגע אינטעלעקטואַלן און פאָלקס - מאַסן דעם קעגנגיפט וואָס נייטראַליזירט די פּראָפּאַגאַנדע פון אונזערע סאָנים.

זיין גרויסער טיראַזש, די קוואַליפיצירטע מאַטעריאַלן וואָס ער ברענגט מאַכן פון אים אַן אומדערזעצלעכן פּראָפּאַגאַנדע - אינסטרומענט אין דעם קאַמף וואָס מיר פירן פאַר אונזער קיעם.

אָבער מיט דעם פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון אונזער אָרגאַניזאַציע, איז דער דאָזיקער אָרגאַן שוין וויניק פאַר אונז. מיר זיינען נאָך דערווייל אַ קאָמיטעט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון אַלע אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס. אָבער מיר געפינען זיך אַפן וועג פון פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מאַסן - אָרגאַניזאַציע, אין אַן עמעסער פאָלקס - אָר. אַניזאַציע. ווייל די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונז זיינען ניט די אויפגאַבן פון יעכידים. מעגן זיי זיין אויסדערוויילטע פון אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַ טיטאַנישע אַרבעט, וואָס מוז געטאָן ווערן פון פאָלק, ווייל זי איז פאַרן פאָלק.

די ווערבירונג פון מיטגלידער איז איצטער בא אונז אין פולן גאַנג. גאָר אינגיכן וועט שוין אונזער אָרגאַניזאַציע אופהערן צו זיין אַ קאָמיטעט פון יעכידים. נאָר ווערן ניט נאָך אַ יידישע אָרגאַניזאַציע אין מאָנטעווידעאָ, נאָר די יידישע אָרגאַניזאַציע אַף צו באַקעמפן אונזער צענטראַלן סוינע, אַן אָרגאַניזאַציע. וואָס וועט זיין די ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און דער ווירדיקער טרעגער פון אונזער קאַמפּס - פאָן.

מיט דער דאָזיקער אויסברייטערונג פון אונזער אָרגאַניזאַציע, שאַפט זיך פאַר איר אַ נויטווענדיקייט צו האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן.

דער דאָזיקער אָרגאַן דאַרף זיין אַ בינדע - גליד צווישן דער אָנפירונג און דער ברייטער מיטגלידערשאַפט: ער דאַרף זיין דער פּראָפּאַגאַנדע - מיטל פון דער אָרגאַניזאַציע אַף צו פאַרשפּרייטן אירע לאָזונגען. אירע אויפגאַבן און אירע קאַמפּס - מעטאָדן: ער דאַרף זיין די טריבונע. ווו עס זאָל קאָנען קומען צום וואָרט יעדער פאָלקס - מענטש וואָס וויל נעמען אַ וואָרט אין דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איז די לעבנספראַגע פאַר אונז אַלעמען: און ענדלעך וועט דער דאָזיקער אָרגאַן זיין דער אינסטרומענט פאַרן קאַמף, וואָס מיר האָבן שוין אין אַ גרויסער מאָס געוואונען, אָבער וואָס מוז אויסגעברייטערט ווערן אַף אַלע פאָלקס - מענטשן פון אונזער יישעוו: פאַר איי נ י ק יי ט.

באַגריסנדיק אונזערע עלטערע קאָלעגן אַף דער יידישער גאַס און צוזאָגנדיק שטיין געטריי אַף דער וואַך פון אונזער גרויסער פאָלקסזאַך, הויבט אונזער נייער אָרגאַן אָן זיין עקזיסטענץ. ווענעמס לאָזונג עס וועט זיין די קאָפּ פון אונזער ביולעטין: "אונזער רעכט".

קעגן וואַל-שווינדל פון דער "דאַיאַ"

פאַר אונזער פרייער פאַרטרעטערש אַפּט אין ערשטען יידישן וועלט - קאָנגרעס !

איינציקער גרויסער

## וואַל-אַקט

קומט פאָר

### פרייטיק, דעם 3 יולי

9 אוונט

אין סאַלאָן "פראַנסעס" — ריאָ בראַנקאָ 1168

מיטן אָנטייל פון ב. איירעסער רעדנער י. באָטאַשאַנסקי א. א.

קומט מאַסנווייז!

איינטריט פריי!

קאַנדידאַטן פון דער אורוגווייער יידישער באַפעלקערונג צום ערשטן יידישן וועלט - קאָנגרעס אין גענף

### N.° 1 וואַל-ליסטע

### אינזש. בערל האַלפּערן

### N.° 2 וואַל-ליסטע

### משה ניסעלקאָווסקי

### N.° 3 וואַל-ליסטע

### לעאָן האַלפּערן

שטימט מאַסנווייז שבת דעם 4-טן און זונטיק דעם 5-טן יולי 1936 אין פאָלגנדיקע לאָקאַלן: צענטער: אין געזעלשאַפטלעכן צענטער — כוליאָ הערערא אי אָבעס 1170 גאָעס: אין לאָקאַל פון באַנק אין גאָעס — בלאַנדענגעס 1670



## Teatro "MITRE"

**Bartolomé Mitre 1263**

### שאַבעס דעם 4 און זונטיק דעם 5 יולי

ווערט אויפגעפירט דאָס וועלטבאַרימטע מייסטערווערק

## "די געלע לאַטע"

דראַמע אין פיר אַקטן פון פרידריך וואָלף

אויפגעפירט פון דער דראַמסטודיע פיים איד. קולטור הויז - רעזשי ד. טשערכאַווסקי

אָנפאַנג פּינקטלעך 21.15 אַזייגער

פאַרפעלט ניט צו זען דאָס גרעסטע דראַמאַטישע ווערק וועגן דער אידנפראַגע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן טויזנטער מאָל אַף קימאַט אַלע אייראָפּעאישע און נאָרד - אַמעריקאַנער בינעס.

סאמועל קוזניצקי

# דער קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם און די «דאיא»

אין מאָמענט ווען די ווילדע בעסטיע וואָס הייסט היטלער האָט זיך פארמאָסטן, אויסצוראָטן מיט אלערליי מיטלען וואָס ער באזיצט, דאָס גאנצע יידישע פאָלק, ניט נאָר בא זיך אין דייטשלאנד זאָנדערן אין דער גאנצער וועלט, אין מאָמענט ווען די גיפטיקע באצילן פון דער דעמאגאָגישער היטלעריסטישער טוירע, זיינען שוין פארשפרייט געוואָרן אפילע איבער די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער ערד, אין מאָמענט ווען די בארימטע אנטיסעמיטישע געזעצן פון ראסן - טעאָריע זיינען מיט קויעך אָנגעוואָרפן געוואָרן דער דייטשער וויסנשאפט, יוסטיץ און דעם גאנצן דייטשן פאָלק, וועלכע ווערט מיט דער הילף פון גרויסע מאכנעס כוליגאנעם בא דער אָנפירונג פון סאדיסטישע דיפלאָמאטן, פראָפאגאנדירט אין א געוויסער מאָס מיט א קלענערן אָדער גרעסערן דערפאָלג אפילע אין די ליבעראלסטע זיד אמעריקאנער לענדער; אין מאָמענט ווען אונזערע ברידער אין א גאנצער ריי אייראָפעאישע לענדער ווי דייטשלאנד, פוילן, רומעניע ליטע און אנדערע ווערן מיט קויעך בארויבט פון די עלעמענטארסטע בירגערלעכע רעכטן און ווערן ארויסגעשליידערט פון זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס, אין דעם מאָמענט איז שוין די העכסטע צייט, אז דער אורוגווייער יידישער יישעוו זאָל זיך אופכאפן פון דעם לעטארגישן שלאָף, און יעדער ייד מוז פארשטיין, אז נישט נאָר מיטן קאמף פארן שטיקל טאָג - טעגלעכן ברויט קען מען זיך באגנוגענען און אויספילן די טעג און יאָרן. יעדער איינער מוז באגרייפן אז דער אנטיסעמיטיזם האָט יעצט אלע סימפטאָמען פון א וועלט - עפידעמיע, און האָט אָנגענומען א פיל שרעקלעכערן פארנעם ווי דער אמאָליקער אין שפאניע אין צייט פון די אינקוויזיציעס, אָדער אין אמאָליקן צארישן רוסלאנד, ווו די דורכגעטונקטע אין יידיש בלוט הענט, זיינען געווען די קלערישע, די הענט פון קאטוילישע און פראוואָסלאווגע ביסקאָפן און פאָפן. היינט צו טאָג באקעמפט היטלער סיי דעם קאטאָליציזם, סיי דעם יידנטום, און דאָס יידישע פאָלק ליידט מער ווי שטענדיק, ווייל זי ווערט יעצט בארויבט און גערוידעפט סיי פון קלער און סיי פון היטלערן. דער לעצטער איז פיל געפערלעכער פארן ערשטן, ווייל ער באזיצט אין זיין רעשוס די מאכט, דאָס מיליטער, סאדיסטיש קראנקע דיפלאָמאטן, גערויבטע יידיש גאָלד, האָב און גוטס, און א גרויסע מאכנע פון אָרגאניזירטע ברוינהעמדלדיקע כוליגאנעם.

דאָס אליץ האָבן גענומען אין אכט די גאָר גרויסע טייל פון די מאָנטעווידעער יידישע געזעלשאפטלעכע, פינאנציעלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן פארשטאנען, אז קעדיי צו באקעמפן ווי געהעריק דעם אלגעמיינעם סוינע, מוז געשאפן ווערן א פאראייניקונג פון אלע יידישע אינסטיטוציעס און קאָנצענטרירן די אלע יידישע קויכעס. צו דעם צוועק איז מיט א האלב יאָר צוריק געשאפן געוואָרן דער קאָמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם, ווו די אלע אינסטיטוציעס זיינען אָנגעשלאָסן און וועלכע אונטערשטיצן אים פינאנציעל. און מיר אלע זיינען איידעס, אז די אינסטיטוציעס האָבן ניט געמאכט קיין טאָעס, און ווי ווירקזאם עס איז די טעטיקייט פון דעם קאָמיטעט. אלס גענוגנדער ביישפיל דינען די ענטפערס מיט וועלכע דער קאָמיטעט האָט רעאגירט טאקע אף די זעלבע שפאלטן, פון זעלבע היזיקע צייטונגען, ווו עס האָבן געהאט פלאץ אנטיסעמיטישע אָנגריפן.

דער קאָמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם איז געווען די איינציקע קערפערשאפט די איינציקע אָרגאניזאציע וואָס האָט רעאגירט אף אנטיסעמיטישע אָנפאלן פון היגע צייטונגען וועלכע ווערן פינאנסירט דורך נאציסטישע אגענטן.

דער זעלבער קאָמיטעט איז דער איינציקער וואָס גיט ארויס א מאָנאטלעכע, מיט דער צייט וועט עס פארוואנדלט ווערן אין א וועכנטלעכע און מעגלעך אין א טעגלעכע אויסגאבע „טריבונא קולטורא“ אין דער שפאנישער שפראך, וואָס ווערט פארשפרייט אין די טויזנטער עקזעמפלארן צווישן די אורוגווייער אינטעלעקטואלן, פראָפעסיאָנאלן, קאָמערציאנטן, ביבליאָטעקן און אין אלגעמיין צווישן די אורוגווייער מאסן, גענצלעך אומזיסט.

די אורוגווייער מאסן ווערן דורך דעם אופגעקלערט, און עס ווערט פאר זיי אנטפלעקט דער גאנצער שווינדל און דעמאגאָגיע פון דער היטלעריסטישער טוירע, עס ווערט אופגעוויזן די גאנצע גרונטלאָזיקייט פון דער ראסן - טעאָריע, מען ווייזט זיי אויף וואָס פאר א מין רעכטן האָט היטלער און געבעלס באשאָנקען דעם דייטשן פאָלק מיט די נירענבערגער געזעצגעבונג, וואָס איז א שאנדע פאר דער גאנצער קולטורעלער וועלט און מענטשהייט.

דער קאָמיטעט פארשטייט אז ער קען דורכפירן אין א פיל גרעסערער מאָס די אופקלערונגס - ארבעט: צ. ב. אויסנוצנדיק די אָרטיקע טעגלעכע שפאנישע ליבעראלע צייטונגען, דורך איינאָרדנען אופקלערונגס - אקטן מיט דער הילף פון אָרטיקע אינטעלעקטואלן א. א. אין אלגעמיין האָט דער קאָמיטעט א גרויסע פעלד פון טעטיקייט. און איינע פון זיינע הויפט - אופגאבן, וועט אויך זיין דורכפירונג ווי אמשנעלסטן אין לעבן דעם באָיקאָט אף די סכוירעס, וואָס ווערן אהער געשיקט דורכן בלוט - דורשטיקן טיראן פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט. מיר האָבן געהאט פאקטן, ווען פערזאָנען האָבן געגוואלדעוועט, האָבן אָנגעוויזן מיטן פינגער אף דעם אָדער יענעם קאָמערציאנט וואָס האנדלט מיט דייטשע סכוירעס, אָער אימפאָרטירט עס.

נאָר ליידער איז דער גוואלד געווען א צו איבעראיילטער און אין געוויסע פאלן אינפלואירט דורך פריוואטע אָדער פאָליטישע כעשבוינעס, וועלנדיק טרעפן דעם אָדער יענעם פערזאָן, אין דער צייט ווען דער שרייער אליין האָט געהאנדלט און האנדלט נאָך יעצט מיט די זעלבע דייטשע סכוירעס.

עס איז א טרויעריקער פאקט, אָבער פאָרט דער ריינער עמעס, אז עס האנדלט זיך ניט וועגן געציילטע פערזאָנען, נאָר מען קען זאָגן, אז די גאצע יידישע קאָמערץ און אינדוסטריע אין אורוגוויי האנדלט, אימפאָרטירט און באנוצט די דייטשע סכוירעס. עס איז ניט קיין סאָד. און צוליב דעם אליין טאָרן מיר נישט באשולדיקן דעם יאָכיד. וואָס אָנבאלאנגט דער גאנצער אורוגווייער יידישער קאָמערץ אלס א זעלכער, ווייסן מיר אז אנארכיש קען מען היינטיקע צייטן גאָרנישט אופטאָן. נאָר מיט א סיסטעם, מיט אן אָרדענונג קען דער אָנגעווייטיקטער און דרינגנדיקער פראָבלעם פון באָיקאָט געלייזט ווערן. — און נאָר דורכן קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם, בא וועמען דער איניען שטייט אפן טאָג - אָרדענונג. דער קאָמיטעט צוזאמען מיט דער אורוגווייער יידישער האנדלס וועלט, וועט מוזן געפינען די מיטלען און מאָדוס ווי אזוי עס דורכצוזעצן אין לעבן. ערשט דאן וועלן מיר מעגן שטעמפלען אלס פארעטער די יעניקע געציילטע יעכידים, וואָס האָבנדיק די מעגלעכקייט צו קויפן אין אנדערע לענדער, וועלן פאָרזעצן דעם האנדל מיט די באָיקאָטירטע ארטיקלען.

בעקיצער, דער קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם, וועלכער באשטייט פון דער אבסאָלוטער גרויסער מערהייט פון די היגע יידישע אינסטיטוציעס, האָט באוויזן מיט טאט אז ער שטייט מוטיק אף דער וואך פון פארטיידיקונג פון די יידישע וויטאלע אינטערעסן און פירט אָן א קאמף קעגן דער בעסטיע, פירט אָן א שטארקע אופקלערונגס - ארבעט, וועלכע די געשיכטע פון יידישן לעבן אין אורוגוויי, קען עס נאָר צום ערשטן מאָל פארצייכענען, א טעטיקייט וועלכע האָט ארויסגערופן באגייסטערונג צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער היגער יידישער באפעלקערונג.

ווייל די מאסן זעען און פילן, אז דער קאָמיטעט איז די איינציקע קאָמפעטענטע אָרגאניזאציע, וואָס באגרייפט די איצטיקע טראגעדיע פון וועלט-יידנטום, אז דער קאָמיטעט שאצט אָפ ווי געהעריק די געפאר, וואָס עס שטעלט מיט זיך פארן וועלט - יידנטום, דעם אורוגווייער אריינגערעכנט, דער מאָדערנער אנטיסעמיטיזם לויט דער היטלעריסטישער אויפאסונג. ווייל די גאָר גרויסע מערהייט פון די אורוגווייער יידן ווייסן און זיינען איבערצייגט, אז דער קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם ווערט אָנגעפירט דורך וויכטיקע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס וואָס ציילן צוזאמען ניינציק פראָצענט פון דער יידישער באפעלקערונג, אלס מיטגלידער.

דער גאנצער יידישער יישעוו ווייסט אויך, אז די פערזאָנען וואָס פירן דורך די וויכטיקע מיסיע פון קאָמיטעט, באזיצו א געזעלשאפטלעכן סטאזש און כוש, האָבן ניט קיין זייטיקע קאוואָנעס, מיינען ניט פארנעמען קיין אָנגעזעענע בענקלעך. פארקערט. דער קאָמיטעט האָט יעצט באשלאָסן צו פראָקלאמירן א קאמפיין פארלויפיק פאר פינף טויזנט מיטגלידער. ד. ה. דער קאָמיטעט וויל זיך פארוואנדלען אין א מאסן - אָרגאניזאציע אין א ריין דעמאָקראטישע קערפערשאפט, וועלכע זאָל ניט זיין אָפהענגיק פון אינסטיטוציעס, נאָר פון דער גאנצער יישעווער באפעלקערונג אין אורוגוויי. די מיטגלידער אליין אף זיין גענעראל - פארזאמלונג וועלן אויסוויילן די פערזאָנען, וועמען זיי וועלן אָנפארטרויען די גאנצע ארבעט פון דער אָרגאניזאציע. אף די זעלבע גענעראל - פארזאמלונגען וועלן אָפגעגעבן ווערן באריכטן, א דין און כעשבן, וועגן דער דורכגעפירטער ארבעט און וועגן דעם פלאן פון דער ווייטערדיקער ארבעט.

דאָס אליץ פארשטייט די גאנצע יידישע באפעלקערונג, דאָס אליץ פארשטייען אפילע א טייל ציאָניסטן, וועלכע האָבן יאָ באגריפן, אז היטלער געבעלס און קאָמפאניע — זיינען די אלגעמיינע סאָנים פון אלע יידן סיי פון די לינקע, סיי פון די רעכטע, האָבן געשטעלט די אינטערעסן פון יידנטום העכער פאר זייערע פארטייאישע אמביציעס און האָבן אריינגעטראָטן אלס מיטגלידער אין דעם אומפארטייאישן קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם.

דאָס אלעס האָבן בא א גוטן ווילן געקענט אויך פארשטיין די „דאיא“, זיי אָבער זיינען די איינציקע וואָס האָבן עס ניט פארשטאנען און ווילן עס ניט פארשטיין; זיי זיינען די איינציגע וואָס האָבן בוווסטזינק געשטערט דעם קאָמיטעט אין זיין ארבעט, זיי האָבן געשטערט און טאָרמאָזירט די ארבעט מיט דעם, וואָס אנשטאָט צוזאמען מיט קאָנצענטרירטע קויכעס צו באקעמפן דעם אלעמנס בלוטיקער סוינע, זיינען זיי די „דאיא“ אוועק מאכן שאבעס פאר זיך. און ווען דער בעסאראבער לאנדסלייט פאריין האָט גענומען אף זיך די שיינע איניציאטיווע צו פאראייניקן די ביידע אָרגאניזאציעס, איז דער קאָמיטעט, ניט געקוקט וואָס ער האָט מאטעריעלע מיטלען צו זיין יעצטיקער ארבעט, ניט געקוקט וואָס ער האָט די סימפאטיע פון גאנצן פאָלק, און וואָס ער האָט שוין באוויזן אופצוטאָן פאָזיטיווע ארבעט, האָט דאָך אָן שום קאָנדיציעס אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון פאראייניקונג — איינשטימיק, און האָט באגריסט די איניציאטיווע פון בעסאראבער לאנדסלייט פאריין. די „דאיא“ וואָס ציילט א פאָר ציונ. פארט. און אייניקע שולעס וואָס זיינען אונטער זייער אינפלוענץ, און וועלכע האָט נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן צו טאָן, וועלכע האָט נאָך ניט אָפגעגעבן קיין איין באריכט אפילע פון אירע זיצונגען, וועלכע האָט ניט געפונען פאר נויטיק די גאנצע צייט צו פארעפנטלעכן די רעשימע פון אירע אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס אָדער פארטייען, די „דאיא“ האָט געהאט מוט אָפצוואָרפן דעם באגריסונגסווערטן פאָרשלאָג פון בעסאראבער לאנדסלייט פאריין. פארוואָס? מיינט דען די „דאיא“ מיט אנדערע מיטלען צו באקעמפן דעם סוינע? ניין. דאָס באווייזט זייער גאָרנישט טאָן ביז יעצט. דאָס באווייזט דער שטילשטאנד אף אלע זייערע פראָנטן. און אויב יאָ, פיליכט וואַרטן אף א געלעגנהייט צו קומען צום פוילישן פארעץ, אראָפנעמען פאר אים דאָס היטל און בעטן זיך בא אים צו אנערקענען די פוילישע יידן אלס מענטשן; אויסצובעטלען א ביסל רעכט אף לעבן פאר די רואינירטע פוילישע יידן מיט זייערע פרויען און קינדער?

ווייסן מיר אלע אז בעטלעריי און שטאדלאָנעס האָבן קיינמאָל ניט געהאָלפן. די יידן האָבן פונקט די זעלבע רעכטן ווי אנדערע פעלקער, צו פאָדערן דאָס וואָס זיי קומט: רעכט אף צו לעבן רעכט אף עקזיסטענץ, אלס גלייכע בירגער פון פוילן, וואָס פוילן האָט זיך זיינער צייט פארפליכטעט און גאראנטירט אין פארשיידענע אינטערנאציאָנאלע אָפמאכן מיט איר אונטערשריפט.

די יידן דארפן נאָר האָבן דעם קאָנצענטרירטן קויעך אין אלוועלטלעכן מאשטאב, אף צו קאָנען דערלאנגען אין אינטערנאציאָנאלן העכסטן געריכט אין גענף, צום פראָטעסט די אונטערגעכאסמעטע דורך פוילן אָדער אנדער מעלוכע, וועקסלען און אָפמאכן, אוועקזעצנדיק די גאנצע פוילישע מעלוכע אפן באשולדיקונגס - באנק.

אפן יידישן פאָלק וועט קיינער ניט וואגן פארצוואָרפן אז עס איז א פינצטערע, אומקולטורעלע אָדער שקלאפן - הענדלערישע פאָלק. די גרעסטע יידן - פרעסער ווייסן אז דעם יידישן פאָלק קען מען עס ניט פארוואָרפן.

די „דאיא“ האָט ביז יעצט גאָרנישט געטאָן, נאָר דאָך האָט זי עפעס געוואָלט אופטאָן. דאָס איז געווען דער שווינדל אירער מיט די וואלן צום וועלט - קאָנגרעס, צום ערשטן יידישן אלוועלטלעכן פארלאמענט, ווען זי האָט געוואָלט איינריידן אז לויט די אינסטרוקציעס פון פאריז טאָר אורוגוויי ניט דורכפירן קיין דעמאָקראטישע וואלן און דאָס אורוגוויי קלוימערשט מוז זיך אָנשליסן אין ארגענטינער וואל - דיסטריקט, און שיקן א דעלעגאט צום וועלט - קאָנגרעס נאָר אן ארגענטינער ייד.

דער שווינדל האָט זיך אָבער זיי ניט איינגעגעבן, ווייל דער פאריזער קאָמיטעט פון וועלט - קאָנגרעס האָט זיי דעמאסקירט און עס ווייזט זיך נאָר ארויס, לויטן בריוו פון פאריז אז זיי פאָדערן אלעם ערשטן דעמאָקראטישע וואלן, און נאָר אן אורוגווייער טוישעוו מוז זיין דער דעלעגאט פון אורוגווייער יידנטום צום וועלט - קאָנגרעס. אום קעדיי די געזעלשאפטלעכע העפקיירעס פון דער „דאיא“ צו דעמאסקירן, האָט דער קאָמיטעט געמוזט זיך שטעלן אין א דירעקטע פארבינדונג מיט פאריז.

דאָס איז געווען דער שטארקסטער קלאפ פאר די „דאיא“, וועלכע האָט אָנגענומען א מויל מיט וואסער און שווייגט. זי איז געבליבן, אף היטלערן געזאָגט געוואָרן, אָן לאָשן.

און אויב זי האָט אין אָנפאנג טאָרמאָזירט און געשטערט דער ארבעט פון קאָמיטעט קעגן אנטיסעמיטיזם מיט איר ברעכן די אייניקייט, מיטן צושפליטערן די קויכעס א. א. וו. וועט זי שוין יעצט ניט שטערן, און ניט ווייל די „דאיא“ וויל ניט שטערן, זאָנדערן ווייל זי קען ניט שטערן. מיט איר אונטערקוליסן - פאָליטיק האָט די „דאיא“ זיך אליין אָפגעשמיסן און זיך אליין געגעבן עם טויט - קלאפ.

דער קאָמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם דארף האָבן די פולסטע זיכערקייט, אז אלע יידן אָן אונטערשייד פון קלאסן און אידעאָלאָגיע, וועלן אלס ענטפער אף אלע מאכינאציעס און אונטערקוליסן - פאָליטיק פון דער „דאיא“, מאסנווייז אריינטרעטן אלס מיטגלידער אין דער איין און איינציקער מעכטיקער מאסן - אָרגאניזאציע, וועמענס איינציקער ציל און צוועק — איז קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם.

# קאמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסע־מיטיזם

## שאבעס און זונטיק וואלן צום יידישן וועלט - קאנגרעס

שאבעס דעם 4-טן און זונטיק דעם 5-טן וועט דער יידישער יישעוו אין אורוגוויי וויילן זיין דעלעגאט צום יידישן וועלט - קאנגרעס. נישט נאמינירט דורך עטלעכע קלאל - טוער, נאר דורך פרייע דעמאקראטישע וואלן, וועט יעדער ייד קאנען זיך ארויסזאגן ווער עס זאל אים פארטרעטן אפן קאנגרעס און זאל ריידן אין זיין נאמען. אלע יידן, מענער און פרויען פון 18 יאר אן, האבן וואל-רעכט. זיי דארפן נאר באזיצן א מאסגעבנדיקן דאקומענט, מעג זיין א סעדולא, בירגער - פאפירן, איינרייזע פאספארטן, אדער א לעגיטימאציע פון אן ארגאניזאציע, פארזען מיט א פאטאגראפיע און אונטערשריפט.

יעדע יידישע ארגאניזאציע, יעדע גרופע פון 50 פערזאן, קען ארויסשטעלן אן אייגענעם קאנדידאט. די קאנדידאטן - ליסטעס דארפן אמשפעטסטנס צוגעשטעלט ווערן ביז מיטוואך דעם 1-טן יולי 9 אוונט (אין לאקאל פון געזעלשאפטלעכן צענטער) קעדיי יעדע ריכטונג זאל האבן די גענונגדיקע צייט אף צום אנגיין מיט דער פראפאגאנדע פאר איר קאנדידאט. די וואלן וועלן אדורכגיין אונטער א שטרענגער קאנטראל פון א וואל- קאמיסיע, צו וועלכער יעדער אגאניזאציע קען צושיקן אירע פארטרויאונגס - מענער.

עס איז דער כויוו פון יעדן יידן, אן אונטערשייד פון ריכטונג צו גיין צו די וואלן און שטימען פארן דעלעגאט וועלכער אנטשפרעכט אים אמערסטן. יעדער קען און דארף זיך באטייליקן אין די וואלן, ווער אבער עס וועט דאס נישט טאן און זוכן פארשיידענע אויסריידן, זאל די שולד געפינען אין זיך אליין, אין זיין אייגענער געפאלנקייט, ווייל ס'איז ניטא א מער דעמאקראטישער וואל - מאדוס, ווי אונזערער.

דער רעזולטאט וואס וועט ארויסגיין פון די שאבעסדיקע און זונטיקדיקע וואלן וועט זיין דער אויסדרוק פון פאלקס - ווילן און דער אויסגעקליבענער וועט זיין דער אויטענטישער פארטרעטער פון היגן יידישן יישעוו.

אורוגווייער יידן, אויב איר פילט זיך בעעמעס אלס טייל פון וועלט - יידנטום, אויב אייך איז טייער דער גורל פון אייערע ברידער אין דייטשלאנד, פוילן, רומעניע, ליטע און אנדערע. אויב איר ווילט זיי אונטערקומען צוהילף געפינען אן אויסוועג צו זייער לאגע — **דארפט איר שאבעס און זונטיק גיין צו די וואלן, דארפט איר אפגעבן אייער שטים און העלפן אויסבויען א וועלט קערפערשאפט, וועלכע זאל שטיין אף דער וואך פון די יידישע אינטערעסן אף גאר דער וועלט.**

ווער עס האט פארשטאנען די וויכטיקייט פון דער פאראייניקונג פון די יידן אין וועלט - מאשטאב אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, דער וועט זיך נישט אפהאלטן פון שטימען, אפ - האלטן קענען זיך נאר יענע, וועלכע האבן אף אזוי פיל פארלוירן זייער מענטשלעכע ווירדע, אז זיי האבן שוין קיין מוט נישט צו פארטיידיקן זייערע רעכטן.

**אין פארטיידיקונג פון אייערע רעכטן, שטימט פאר אן אורוגוויי - ער דעלעגאט צום יידישן וועלט - קאנגרעס!**

**אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און נאציזם, פאר א יידישער וועלט-קערפערשאפט, גיט אפ אייער שטים!**

**אלע, ווי איינער צו די וואלן!**

**דער קאמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם.**

## וואל - קאמיסיע באם "קאמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם"

אף דער זיצונג פון דער וואל - קאמיסיע, פון מיטוואך דעם 24-טן פ. כ. בא דער אנוועזנהייט פון אלע קאמיסיע - מיטגלידער, זיינען אויסגעארבעט געווארן פאלגנדע וואל - רעגלאמענטן צו די וואלן פונעם דעלעגאט פון אונזער יישעוו צום יידישן וועלט - קאנגרעס:

1) די וואלן וועלן דורכגעפירט ווערן שאבעס דעם 4-טן יולי, פון 15 ביז 23 אזייגער, און צומארגנס, זונטיק דעם 5-טן יולי, פון 8 ביז 24 אזייגער, — אין לאקאל פון געזעלשאפטלעכן צענטער.

2) עס וועלן פונקציאנירן 25 וואל-טישן, לויט דער צאל פון אלע בוכשטאבן; יעדער טיש מיט א באזונדערן בוכשטאב.

3) יעדער טיש וועט באדינט ווערן פון דריי פערזאן.

4) די וואל - קאמיסיע וועט האבן דעם קאנטראל איבער אלע טיש.

5) רעכט צוצושטעלן קאנדידאטן האבן אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, אדער א גרופע פון פופציק פערזאן.

6) דער טערמין אף צוצושטעלן קאנדידאטן ביז מיטוואך דעם 1-טן יולי, אין לאקאל פון געזעלשאפטלעכן צענטער.

6) שטימרעכט האבן מענער און פרויען אין עלטער פון 18 יאר אן און ווייטער.

7) אף צו קאנען שטימען, איז נייטיק איינער פון די פאלגנדיקע דאקומנטן:

א) אן אויסלענדישער פאס; 2) באשטעטיקונג פון א געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע— א יידישע אדער ניט - יידישע, מיט א פאטאגראפיע.

י. לעווי — סעקרעטאר


# קאמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם

# שאבעס 4 און זונטיק 5 יולי

## וואלן צום יידישן וועלט־קאנגרעס

**אורוגווייער יידן!** אן אונטערשייד פון ריכטונג, באטייליקט זיך אין די וואלן

## שטימט פאר אייער קאנדידאט

**אורוגווייער יידן!** לאזט הערן אייער שטים אפן יידישן וועלט-קאנגרעס.

## שטימט דאס איז אייער כויוו! שטימט!

**אורוגווייער ייד!** העלף אויפבויען א מעכטיקע ארגאניזאציע אין קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. ווער א מיטגליד פון "קאמיטעט קעגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם".

# NUESTRO DERECHO

(UNZER REJT)

Boletín del Comité contra el Antisemitismo

J. HERRERA Y OBES 117 — Redactor responsable: SAMUEL KUZNICKY, Yaguarón 1108

Año I — Montevideo, Julio de 1936 — No. 1


## קעגן געזעלשאפטלעכער העפקיירעם

### רעזאָלוציע פון דער פּלענאַר - זיצונג פונעם קאָמיטעט קעגן נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם דעם 24-טן יוני ד. י.

דער קאָמיטעט קעגן נאַציזם און אנטיסעמי- טיזם אין מאָנטעווידעאָ, באהנדלענדיק דעם בריוו פון דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט- קאָנגרעס, האָט באַשלאָסן פאַרעפנטלעכן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

1) אינעם נאָמען פון דער אבסאָלוטער מער- הייט פון היגע יידישע געזעלשאפטלעכע אינ- סטיטוציעס, — דריקן מיר אויס אונזער שאַר- פסטן פּראָטעסט קעגן דער דאיא אין ארגענ- טינע, וועלכע האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דורכפירן איר וואל - פארס אין ארגענטינע, נאָר האָט זיך אויך דערלויבט צו מישן אין די אינערלעכע איניאָנים פון אונזער היגן יישעוו, מיטן ציל אָנצוווארפן אים אן ענג פארטייאישן, צו אונז פיינטלעכן דעלעגאַט, דעם הער שום- היים פון ארגענטינע.

2) מיר שטעלן פעסט, אז די ארגענטינער דאיא האָט געפעלשט די אינסטרוקציעס פון דער צענטראַלע אין פּאַריז. אינעם בריוו צום „קאָמיטעט קעגן נאַציזם און אנטיסעמיטיזם" דאָהי, מעלדעט די פּאַריזער צענטראַלע, דאָס זי האָט באַקאַנט געמאַכט די ארגענטינער דאַ- יאַ, „אז אורוגוויי, אויב דער דאָרטיקער יישעוו וויל, קאָן פירן א וואל - קאַמפּאַניע צוזאַמען מיט ארגענטינער יידנטום, אָבער אורוגוויי דאַרף האָבן אַן אייגענעם דעלעגאַט, וואָס זאָל טאַקע זיין אַן אורוגווייער טוישעוו". די ארגענ- טינער דאיא האָט אָבער אין א טעלעגראַמע פון 12-טן יוני באַקאַנט געמאַכט דעם היגן יישעוו, דאָס אין העסקעם מיט פּאַריז ווערט מאָנטע - ווידעאָ אריינגענומען אין ארגענטינער דיס - טריקט צום יידישן וועלט - קאָנגרעס". דער- ביי האָט זי אויך אָנגעוואָרפן אירס א דעלעגאַט דעם שוין דערמאָנטן ה׳ שוסהיים.

3) מיר שטעלן פעסט, דאָס די היגע דאיא איז נישט מער ווי א פיקציע, דאָס קיין איינע פון די היגע עקזיסטירנדיקע פינאַנציעלע און קולטור - אינסטיטוציעס, ווי אויך לאַנדס - לייט פאַריינען זיינען אין איר נישט אָנגעשלאָ- סן אז אין איר זיינען אָנגעשלאָסן נאָר צוויי צ״אָניסטישע גרופּירונגען און איניקע טאל - מעטוירעם; אז צווישן די אָנגעשלאָסענע גע- פינען זיך „אינסטיטוציעס" וואָס עקזיסטירן נישט ווי: „האַכאָלוץ", „האַשאָמער האַצאָיר" א. אנדערע.

4) מיר שטעמפּלען פאַר דער גאַנצער עפנט- לעכקייט דאָס קאָמעדיאַנטישע שפּיל, וואָס איז אָפּגעשפּילט געוואָרן בא די „וואלן", דער כוי- זעק איבער היגן יידישן יישעוו איז נאָך גרע- סער ווי אין ארגענטינע. די „וואל - קאָנפערע- נץ" פון דער דאיא איז פאָרגעקומען מיטוואָך דעם 17-טן יוני אין אָוונט, אף דער דאָזיקער „קאָנפערענץ" איז באַשלאָסן געוואָרן צוצושטע- לן קאַנדידאַטן - ליסטעס ביז דעם 18-טן יוני. די מעלדונג וועגן צושטעלן קאַנדידאַטן - ליסטעס איז אָבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט דעם 21-טן יוני און אין דעם זעלבן טאָג זיינען פאָרגעקומען די „וואלן" פון דעלע- גאַטן צום יידישן וועלט - קאָנגרעס, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט 11 פּערזאָן.

5) דער פּלענום פאראורטיילט ווי אמ - שאַפסטן די ארגענטינער דאיא און איר סו- קורסאל אין מאָנטעווידעאָ פאר פעלשן די עפנטלעכע מיינונג פון דער היגער יידישער גע- זעלשאפט, פארן פּרוון אריינצופירן העפקיי - רעס אין געזעלשאפטלעכן לעבן און פאר דער כוצפּע פון עטלעכע פּערזאָנען וועלכע האָבן קיין שום שייכעס נישט מיטן אָרגאַניזירטן יידישן יישעוו צו ריידן אין זיין נאָמען.

6) דער פּלענום וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ עם וואל - שווינדל פון דער דאיא און באַשליסט אליין דורכצופירן וואלן פון א פאַרטרעטער- שאַפט צום יידישן וועלט - קאָנגרעס.

7) דער פּלענום באַדויערט, וואָס צוליב די מאכינאציעס פון דער ארגענטינער דאיא איז נישט געלונגען דורכצופירן די וואלן דעם 21- טן יוני, דעם דאַטום וואָס איז געוואָרן אָנגע- צייכנט פון דער וועלט - עקזעקוטיווע, און באַ- שליסט דורכצופירן די וואלן שאַבעס דעם 4- טן און זונטיק דעם 5-טן יולי. אין איינקלאַנג מיט דער אָנווייזונג פון דער וועלט - עקזעקו- טיווע, וועלן די וואלן דורכגעפירט ווערן אף א דעמאָקראַטישן אויפן, געבנדיק די מעג - לעכקייט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, זי זאָל זיך דירעקט קענען אין זיי באטייליקן דער פּלענום רעקאָמענדירט דער וואל - קאָמי- סיע, מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען, דורכצו- פירן די וואלן אין דעם געמאָלדענעם טערמין און איינצואָרדענען א ריי פּראָפּאַגאַנדע - אַק- טן אין פארשיידענע געגנטן פון שטאָט.

דורכפירן דעמאָקראַטישע וואלן צום יידי- שן וועלט - קאָנגרעס.


ערשטע ייד. קאאפעראטיוו
פאר קעגנזייטיקער הילף
(באנק אין גאעס)

צענטראַלע:
בלאנדענגעס 1670

סוקורסאַל:
פלארידא 1291

גיט ארויס לאנגטערמיניקע האלוואעס
געלט איבערווייזונגען אין דער גאנצער וועלט
שיפסקארטן פון פוילן מיט ענגלישע שיפן צו די
ביליקסטע פרייזן



Imp. «Central»—Cerrito 667